**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/30/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פארטיילט נאך פינאנצירונג פאר קאמיוניטי פארמיידונג קאאליציעס אין געגנטער אין די סטעיט ווי נויט דערפאר איז הויך שטייענדיג אין 'דראג באנוץ און מיסברויך פארמיידונג חודש'

***נאענט צו 1 מיליאן דאלאר ווערנדיג פארטיילט צווישן פראָווײדערס צו פארזעצן ערפאלגרייכע 'קאמיוניטי פארמיידונג קאאליציעס' איניציאטיוו צום ערשט אוועקגעשטעלט אין 2024***

***סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין רויט היינט נאכט אין אפצייכענונג פון נאציאנאלער פארמיידונג חודש און 'רויטע שלייף וואך'***

***אפיציעלע פרעסע ווידעאו פון קאמישאנער קאנינגהעם ארויסהייבנדיג די סערוויסעס וואס זענען דא צו באקומען און פארמיידונג ארבעט אין ניו יארק סטעיט איז [פארעפנטליכט דא](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט טוט פארטייל נאענט צו 1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון די ניו יארק סטעיט אפיויד סעטלמענט קאסע ( Opioid Settlement Fund) צווישן פראָווײדערס אין געגנטער וואו די נויט דערפאר איז הויך צו ארויסהעלפן מיטן איינפירן פארשידענע אדיקשען פארמיידונג איניציאטיוון. די פארטיילונג פון די פינאנצירונג קומט אין די צייט וואס די סטעיט צייכנט אפ דעם יערליכן נאציאנאלער דראג באנוץ און מיסברויך פארמיידונג חודש (National Substance Use & Misuse Prevention Month), און אזוי אויך 'רויטע שלייף וואך' ( Red Ribbon Week), א נאציאנאלע אונטערנעמונג צו ציהען אויפמערקזאמקייט צו די וויכטיגקייט פון דראג באנוץ פארמיידונג באמיאונגען צווישן יונגע מענטשן.

"ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו פארטיילן סעטלמענט געלטער פאר די פראָווײדערס און קאמיוניטיס וועלכע דארפן דאס די מערסטע — און מיט די לעצטע פארטיילונג, טוהען מיר ווייטער שטיצן פארמיידונג סערוויסעס פאר ניו יארקער אין געגנטער פון די סטעיט וואו די נויט דערפאר איז הויך", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אזוי ווי מיר צייכענען אפ נאציאנאלער פארמיידונג חודש און 'רויטע שלייף וואך', איז דאס א דערמאנונג איבער די וויכטיגקייט פון די סערוויסעס און די פאזיטיווע ווירקונג וואס זיי קענען האבן אויף מענטשן, פאמיליעס און קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע ( Office of Addiction Services and Supports, OASAS) קאמישאנער, Dr. Chinazo Cunningham (דר. טשינאַזאָו קאנינגהעם), האט געזאגט,** "פארמיידונג איז א קריטישע טייל פון די OASAS סיסטעם פון קעיר, און מיר ארבעטן יעדן טאג פון די נאענט מיט אונזערע פראָווײדערס און שותפים צו זיכער מאכן אז זיי האבן די פינאנצירונג און שטיצע וואס פעהלט זיך אויס צו אויסברייטערן זייערע סערוויסעס און אנקומען צו די וועלכע זענען אין געפאר פון אדיקשען. די פינאנצירונג האלט אויף אן אנגייענדער פראיעקט וואס האט אונז שוין געהאלפן אנקומען צו ניו יארקער אין געגנטער וואו די נויט איז הויך מיט די וויכטיגע סערוויסעס, און עס וועט פארזעצן צו בענעפיטירן די מענטשן און קאמיוניטיס."

**קאמיוניטי פארמיידונג קאאליציע פינאנצירונג**
א סך הכל פון $978,419 אין סעטלמענט געלטער ווערט פארטיילט צווישן פינף פּראָווײַדערס צו שטיצן די ווייטערע אנטוויקלונג פון 'קאמיוניטי פארמיידונג קאאליציעס' (community prevention coalitions), אויסברייטערנדיג א פראגראם וואס איז צום ערשט אוועקגעשטעלט געווארן אנהויב פון 2024. די פּראָווײַדערס זענען פלאצירט אין קאונטיס וועלכע זענען אידענטיפיצירט געווארן צו האבן א הויכע נויט דערפאר, און דורך די קאאליציעס שטעלן זיי צו געציהלטע פארמיידונג סערוויסעס פאר יונגווארג, פאמיליעס און די קאמיוניטי אין אלגעמיין. דאס רעכנט אריין אויפקלערונג, קיטס צו זיכערערהייט אוועקווארפן מעדיצינען, קעסטלעך צו פארשפארן מעדיצינען און די אוועקשטעלונג און פעדערונג פון ספעציעלע טעג ווען נישט גענוצטע מעדיצינען ווערן אפגענומען.

די פינאנצירונג פאר די פּראָווײַדערס וועלכע זענען אויסגערעכנט אונטן ערמעגליכט די אינציאטיוו צו אנגיין ביז סוף 2028. נאענט צו 5 מיליאן דאלאר אין סעטלמענט געלטער זענען יעצט שוין פארטיילט געווארן צו שטיצן דעם פראיעקט.

**קאפיטאל דיסטריקט (Capital District)**

- Columbia-Greene Addiction Coalition: $200,000

**מיד-האדסאן**

- Council on Addiction, Prevention and Education of Dutchess County: $200,000
- Cornell Cooperative Extension of Sullivan County: $200,000
- Westchester-Ellenville Hospital, Inc: $178,419

**מערב ניו יארק (Western New York)**

- Prevention Works: $200,000

די אינציאטיוו זעצט פאר ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע באמיאונגען צו פארטיילן אפיויד סעטלמענט געלטער. ביז היינט, האט ניו יארק שוין צוגעטיילט מער פון 454 מיליאן דאלאר צו פארטיילט ווערן דורך די אפיויד סעטלמענט קאסע, זייענדיג די העכסטע סומע פון יעדע סטעיט אין דאס לאנד.

ניו יארק סטעיט באקומט מער פון 2.5 ביליאן דאלאר דורך פארשידענע סעטלמענט אפמאכן מיט אפיויד און מעדיצינען פירמעס וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך אטוירני דזשענעראל Letitia James (לאטישע דזשעימס). א חלק פון די סעטלמענט געלטער וועלן גיין דירעקט צו לאקאלע רעגירונגען, מיט די רעשט ווערנדיג אריינגעלייגט אין א ספעציעלע קאסע צו שטיצן פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן פארמינערונג און ערהוילונג באמיאונגען צו אדרעסירן די אנגייענדע אפיויד מגיפה. דאס רעכנט אריין אויסברייטערונגען צו צוטריט צו מעדיצין פאר אדיקשען, פראגראמען צו טרעפן נויטבאדערפטיגע מענטשן וואו זיי זענען און זיי פארבינדן מיט סערוויסעס, אויפקלערונג באמיאונגען, שטיצע פאר ערהוילונג צענטערן און אינציאטיוון צו שטופן פראפעסיאנאלן אין די ארבעטסקראפט צו פארזעצן זייער ארבעט און צו אריינברענגען נייע פראפעסיאנאלן. א דעטאלירטע ליסטע פון אינציאטיוון פינאנצירט מיט די געלט איז פארעפנטליכט אויף די [ניו יארק סטעיט אפיויד סעטלמענט קאסע נאכפאלגונג וועבזייטל](#).

**סטעיט סענאטארשע Nathalia Fernandez (נעטאליע פערנאנדעז) האט געזאגט,** "מיטן עלימינירן שפאלטן אין פאליסי צו זיכער מאכן אז אלע סעטלמענט דאלארן גייען אריין אין די אפיויד סעטלמענט

קאסע און דורכן שטופן פאר מער אפנקייט אין די היי-יאריגע בודזשעט, האט גאווערנער Hochul (האקול) ארויסגעוויזן א קלארע פארפליכטונג צו שטיצן פארמיידונג באמיאונגען וועלכע פארשטערקערן פאמיליעס און ראטעווען לעבנס. אלס פארזיצערין פון די סענאט קאמיטע איבער אלקאהאליזם און דראג באנוץ קראנקהייטן (Committee on Alcoholism and Substance Use Disorders), בין איך שטאלץ צו זעהן ניו יארק פארזעצנדיג צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ביים אדרעסירן אדיקשען מיט די מיטלען און מיטגעפיהל וואס פארלאנגט זיך אין דעם מאמענט."

**סטעיט סענאטאר George Borrello (דזשארדש בארעלאָו) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר די סטעיט'ס אינוועסטירונג פון אפּיויד סעטלמענט געלטער אין Prevention Works, א ווירקזאמע, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציע וועלכע קאנצענטרירט זיך אויף דראג אביוז פארמיידונג. פאר צענדליגע יארן, העלפט שוין Prevention Works ארויס מענטשן און פאמיליעס אריבער שעטאַקווע קאונטי צו מאכן געזונטע, קלוגע באשלוסן דורך אויפקלערונג, פריע אינטערווענץ און דורכן פארבינדן די וועלכע נויטיגן זיך דערין מיט קריטישע הילפס-מיטלען און זיי שיקן פאר ווייטערע הילף. די פינאנצירונג וועט פארשטערקערן די קריטישע באמיאונגען. די פארטיילונג, צוזאמען מיט די אנדערע וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן, שפיגלט אפ ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז יעדע קאמיוניטי האט די כלים און שטיצע וואס פעהלן זיך אויס צו קאנפראנטירן אדיקשען און שטופן פאר ערהוילונג."

**סטעיט סענאטארשע Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "נאענט צו א האלבע מיליאן דאלאר אין אפּיויד סעטלמענט געלטער זענען געוואנדן צו ארגאניזאציעס אין דאָטשעס, קאלאמביע און גרין קאונטיס. דאס צוטיילן די דאלארן פאר די לאקאלע גרופעס וועלכע געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס פון אדיקשען פארמיידונג – באזונדערס אין קאמיוניטיס וועלכע ליידן די מערסטע פון די דראג באנוץ קריזיס – איז גענוי די פלאץ וואו סעטלמענט געלטער פון די גרויסע מעדיצין פירמעס דארף גיין. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן שענקען די לעבנס-ראטעווענדע געלטער פאר די Council on Addiction, Prevention and Education of Dutchess County און די Columbia-Greene Addiction Coalition."

**סטעיט סענאטאר Peter Oberacker (פיטער אָובעראקער) האט געזאגט,** "אזוי ווי די אפּיויד מגיפה זעצט פאר צו חרוב מאכן פאמיליעס אריבער אונזער סטעיט, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן שיקן סעטלמענט געלטער דארט וואו זיי האבן די גרעסטע השפעה: פארמיידונג, באהאנדלונג און ערהוילונג אויף די שטאפל פון די קאמיוניטי. ארגאניזאציעס ווי Cornell Cooperative Extension of Sullivan County שפילן א קריטישע ראלע אין אויפקלערונג און פארבינדונג מיט מענטשן וואס ראטעווען לעבנס. די אינוועסטירונג וועט העלפן פארשטערקערן זייער ארבעט און וועט ברענגען נויטיגע מיטלען פאר די וועלכע געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס פון דראג באנוץ פארמיידונג."

**סטעיט סענאטאר Robert G. Rolison (ראבערט דזש. ראליסאן) האט געזאגט,** "די Council on Addiction, Prevention and Education of Dutchess County און די אנדערע אויסגעצייכנטע ארגאניזאציעס באקומענדיג די שטיצע געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס ראטעווענדיג לעבנס. זייער ארבעט ברענגט האפענונג, היילונג און אויפקלערונג צו מענטשן און פאמיליעס וועלכע ווערן באטראפן דורך אדיקשען. מיט די פינאנצירונג, וועלן זיי קענען אנקומען צו נאך אפילו מער מענטשן וועלכע זענען אין נויט, פארשטערקערן פארמיידונג באמיאונגען, אויסברייטערן צוטריט צו קעיר און העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיך רוקן אין ריכטונג פון א געזונטערע, זיכערערע צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגלידערין Didi Barrett (דידי בארעט) האט געזאגט,** "איך בין דערפרייט אז $400,000 אין פינאנצירונג פון די ניו יארק סטעיט אפּיויד סעטלמענט קאסע וועט דירעקט שטיצן ארגאניזאציעס אין מיין דיסטריקט וועלכע שטעלן צו קריטישע אדיקשען סערוויסעס. די אפּיויד מגיפה האט באטראפן צופיל פאמיליעס דא אין די האדסאן וואלי, און די פינאנצירונג וועט העלפן די וועלכע

ראנגלען זיך מיט דראג אביוז און די וועלכע זענען אין ערהוילונג מיט קריטישע הילפס-מיטלען. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און שטיצע."

**אסעמבלי מיטגליד Phil Steck (פיל סטעק) האט געזאגט,** "עס איז ערמוטיגנד צו זעהן די געלטער גייענדיג דירעקט פאר פּראָווײדערס אנשטאט ווערן פארשלעפט דורך אן אויסגעצויגענע באשטעטיגונג פראצעדור. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו אדרעסירן די אפּיויד קריזיס, איז דאס קריטיש אז הילפס-מיטלען זאלן אנקומען צו די וועלכע געפונען זיך אויף די פראנט ליניעס ווי שנעלער מעגליך."

**אסעמבלי מיטגליד Anil Beephan (אניל ביפען) האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) און די OASAS פאר זייער אנגייענדע אינוועסטירונג אין די האדסאן וואלי. די Council on Addiction, Prevention and Education of Dutchess County האט געטוהן געוואלדיגע ארבעט צו אדרעסירן אדיקשען און שטיצן פאמיליעס אין אונזער קאמיוניטי. די פינאנצירונג וועט פארשטערקערן די באמיאונגען און העלפן ראטעווען לעבנס."

**אסעמבלי מיטגלידערין Paula Elaine (פאולא אילעין) האט געזאגט,** "די בעסטע וועג צו אדרעסירן אדיקשען איז עס צו אפשטעלן בעפאר עס הויבט זיך אן. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער פאר איר צוטיילונג פון $200,000 פאר אונזער איוסנאמליכע Cornell Cooperative Extension of Sullivan County. זיי זענען א מקור פון פאזיטיווע טויש אין אונזער קאמיוניטי, און איך בין זיכער אז זיי וועלן גוט אויסנוצן די פינאנצירונג צו אויפקלערן יונגע מענטשן, פארטיילן קעסטלעך צו פארשפארן מעדיצינען, פארשפרייטן ספעציעלע טעג צו אפנעמען נישט גענוצטע מעדיצינען און פארשטערקערן פארמיידונג אין אלגעמיין אין אונזער געגנט."

**אסעמבלי מיטגליד Brian Maher (ברייען מאהער) האט געזאגט,** "עס איז גאר וויכטיג פאר ארגאניזאציעס וועלכע זענען די סאלדאטן אויפן שטח יעדן טאג קעמפנדיג קעגן די אפּיויד און דראג באנוץ מגיפה צו באקומען נאך מיטלען. עס איז מיר א פארגעניגן צו זעהן אז די גאווערנער האט פארזיכערט פינאנצירונג פאר געגנטער וואס האבן נישט גענוג סערוויסעס אין די 101'סטע אסעמבלי דיסטריקט. מיר מוזן בלייבן וואכזאם און פארזעצן צו שטיצן מער ארגאניזאציעס אויף די פראנט ליניעס וועלכע טוהען די הייליגע ארבעט יעדן טאג באקעמפנדיג די פראבלעם."

**אסעמבלי מיטגליד Andrew M. Molitor (ענדרו מ. מאליטאר) האט געזאגט,** "א דאנק אייך, גאווערנער Hochul (האקול), פארן צוטיילן באדייטנדע געלטער פאר Prevention Works, אן אגענטור אין שעטאַקווע קאונטי וואס קאנצענטרירט זיך אויף דאס פארמיידן אלקאהאל און דראג אדיקשען. פאר יעדער ערוואקסענער און קינד וואס ווערט קיינמאל נישט אדיקטעד, אדער אין די פעלער וואו די רעדל פון אדיקשען קען איבערגעהאקט ווערן, ווערט א לעבן געראטעוועט. דאס איז א גאר גוטע באנוץ מיט סטעיט מיטלען."

אלס נאך אן אפצייכענונג פון נאציאנאלער דראג באנוץ און מיסברויך פארמיידונג חודש און 'רויטע שלייף וואך', טוט ניו יארק סטעיט אויך באלייכטן די פאלגנדע פון די סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן אין רויט אום דאנערשטאג, אקטאבער 30, ביינאכט:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער (One World Trade Center)
- גאווערנאר מאריאו מ. קואמאו בריק (Governor Mario M. Cuomo Bridge)
- קאַסיאָסקאָו בריק (Kosciuszko Bridge)
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע (H. Carl McCall SUNY Building)
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע (State Edutacion Building)
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע (Alfred E. Smith State Office Building)

- עמפייער סטעיט פלאזא (Empire State Plaza)
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער ( State Fairgrounds – Main Gate & Expo Center)
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקוועיר וויעדאַקט
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג (Albany International Airport Gateway)
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- מויניהאן באן האל
- רוזעוועלט איילענד ליכט טורעם

די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע זעהט איבער איינע פון די לאנד'ס גרעסטע סיסטעמען פון אדיקשען סערוויסעס, מיט אומגעפער 1,700 פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן פארמינערונג און ערהוילונג פראגראמען באדינענדיג איבער 731,000 מענטשן א יאר. דאס איז כולל די דירעקטע אפעראציע פון 12 אדיקציע היילונג צענטערס וואו אונדזערע דאקטוירים, נורסעס, און קלינישע שטאב שטעלן צו שפיטאל-פאציענטן און איינוואוינער סערוויסעס פאר בערך 8,000 מענטשן א יאר.

ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך מיט אן אדיקשען אדער וועמען'ס באליבטע מוטשענען זיך דערמיט קענען טרעפן הילף און האפענונג דורכן רופן די סטעיט'ס טאל-פרייע HOPEline האטליין, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורכן טעקסטן HOPENY (קאוד פאר 467369).

אדיקשען באהאנדלונגען וואס זענען דא צו באקומען, אריינרעכענענדיג קריזיס/דיטאַקס, אין-פעישענט, אנשטאלט אדער אַוט-פעישענט קעיר, קענען געפונען ווערן אויף די NYS OASAS וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן